

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' קרח
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ג

## פראגע

### וויאזוי קען איך איבערקומען מיין פחד פון רעדן ברבים?

## ענטפער:

**קודם** כל, מאך זיכער צו האבן עפעס וואס צו זאגן; דאס איז איין זאך.

און נאכדעם, ווען קיינער הערט נישט, געב א דרשה! פראקטיציר צו רעדן פריוואט. אויב זענט איר א פעאיגער מענטש, אויב איר זענט א בעל מחשבות, וועט איר קענען עפעס זאגן. איר האט געלערנט ספרים, נו פארוואס נישט? פראקטיצירט צו רעדן.

און איך וועל אייך געבן אן עצה יעצט. עס איז ווערד אסאך געלט די עצה, אבער איך געב אייך עס אומזיסט... איך האב עס קיינמאל נישט געטון, אבער ס'איז ווערד צו טון. נעם א שטיקל ליין-מאטריאל, א אידישע צייטונג אויב איר רעדט אידיש, אדער אן ענגלישע צייטונג אויב איר ווילט. איר דארפט נאר איינס; קויף נישט חוץ דעם קיין אנדערע... בלויז איינמאל. און איר זאלט טון ווי פאלגענד:

ליין עס אויפ'ן קול, יעדן טאג פאר 5 מינוט, און זאג ארויס קלאר יעדע אות. אויב איר רעדט אידיש רעדט קלאר און דייטליך יעדן ווארט, יעדער אות, און מיט דער צייט וועסטו ווערן א נואם.

בחורים, הערט גוט אויס, ווייל איין טאג וועט עס צוניצקומען. לערנט אייך וויאזוי צו רעדן ברבים דורכ'ן קלאר ארויסזאגן יעדעס ווארט. און נאך א שטיק צייט וועט איר באקומען די שטארקייט. (#91)

## פראגע

### איז עס נישט קיין גאווה פאר א רייכער מענטש צו טראכטן אז אויף אים איז אנגעשריבן געווארן דורכ'ן באשעפער צו זיין רייך, און פאר'ן ארימער מענטש איז נגזר געווארן צו זיין ארים?

## ענטפער:

**נישט** נאר איז עס נישט קיין גאוה, נאר ס'איז **דער גרעסטער חיוב**. אן עושר מוז וויסן אז נאר דער אויבערשטער האט אים געמאכט רייך, נישט זיינע כשרונות. אויב א מענטש פארגעסט אז ס'איז אלעס פונעם אויבערשטן, וועט ער מוזן זאגן אז "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", ס'איז געווען מיינע כוחות, אדער "אף חכמתי עמדה לי", מיין אייגענע חכמה האט מיר געהאלפן. במילא איז עס אדער-אדער; אדער האט עס דער אויבערשטער געמאכט אדער דו. און אפילו דער עושר וועט נישט זאגן אז ס'איז זיין חכמה, נאר פשוט מזל אז ער איז רייך, איז יעצט די פראגע וואס איז בעסער? עס צוצושרייבן צו פשוט מזל אדער צו א קלוגן באשעפער?

אלזא, מיר זאגן אז דער אויבערשטער האט עס געמאכט. עס מיינט נישט אז דער אויבערשטער האט געמאכט א מענטש רייך ווייל דער מענטש איז אזוי גוט. קיינער האט נישט קיין סיבה צו זיין א בעל גאוה אפילו אויב ער גלייבט אז דער אויבערשטער האט אים געמאכט רייך.

דא איז געווען א מענטש וואס האט פארלוירן זיין לעבן בלויז צוליב זיין רייכקייט. דער מענטש האט געווינען א לאטערי, פלוצלונג איז זיין נאמען געווען אין די צייטונגען, און יעדער ווייסט אז ער איז פול מיט קעש. איין טאג – אויפ'ן זעלבן גאס וואו ער פלעגט דורכגיין יעדן טאג און קיינער האט אים נישט אנגעקוקט – האט זיך אפגעשטעלט א שווארצע קאר און איינער האט פון הינטן האט אים ארייגעשטיפט אינעם קאר און ארייגעשטיפט א סחורה אין זיין מויל, און שפעטער האט מען אים געטראפן אין א

צעמענטענעם קאסטן אונטער'ן וואסער. ער איז געהארגעט געווארן בלויז צוליב זיין רייכקייט.

טרעפט מען דען נישט "עשר שמור לבעליו לרעתו" (קהלת, ה׳ י״ב), אז אסאך מאל ווערט געגעבן פאר א מענטש רייכטום בלויז אים אונטערצוברענגען. דער איבערשטער מאכט אסאך מאל א גענגסטער רייך, נאר כדאי ער זאל געהארגעט ווערן. אויב וואלט ער ווען נאך אלץ געארבעט אלס אן ארימער קאנסטרוקציע ארבייטער, וואלט קיינער נישט געטראכט אים צו טשעפען, אבער איינמאל ער ווערט א גרויסער סוקסעספולע בעל הבית און דרייער, איז זיין לעבן אין א סכנה.

וועגן דעם איז עס נישט קיין גאווה ווען מענטשן גלייבן אז דער איבערשטער איז דער וואס האט זיי געגעבן רייכטום. ערשטנס כל ווייל זיי גלייבן איבער די קרעדיט פון זייער עשירות צום איבערשטן, און זיי לויבן זיך נישט אליינס. און צווייטנס, ווייל עס מאכט זיי טראכטן אז אויב דער איבערשטער האט עס געטון, דארף איך דען נישט טון עפעס ארויסצואווייזן מיין הכרת הטוב?

דערפאר, ווי מער הצלחה א מענטש האט, אויב גלייבט ער אז דער איבערשטער האט אים עס געגעבן, אלס מער איז ער מאטיווירט צו ווערן א גרעסערער עובד ד'.

## פראגע

## פארוואס געבן נישט אידן אוועק זייערע איברים נאכן שטארבן, פאר'ן צוועקן פון מעדיצינישע פארשונגען און די פארשריט פון רפואה?

## ענטפער:

**ווייל** א אידישע קערפער איז נישט די אייגענע פארמעגן. א אידישע גוף איז הייליג. פונקט ווי א איד קען נישט באגיין זעלבסטמארד ווייל עס איז נישט זיין קערפער און נישט זיין לעבן – עס איז בלויז אנפארטרויט געווארן צו אים, און דעריבער איז עס פונקט ווי ער הארגעט א צווייטן – די זעלבע זאך קען מען נישט אוועקגעבן די איברים. עס איז נישט דיינס. זיי באלאנגען פאר'ן איבערשטן.

און דערפאר, אויב אין אייער צוואה גיבט איר רשות פאר די דאקטורים אוועקצוגעבן חלקים פון אייער קערפער, גנב'עט איר פון הקדוש ברוך הוא. דער אידישער גוף איז הייליג און עס דארף ווערן אפגעהיטן.

אויב די דאקטורים זענען אינטערעסירט אין עקספערימענטן, זאלן זיי באשטעלן פון אינדיע אזוי ווי יעדער טוט. מען קען קויפן א קערפער פאר פופציג דאלאר. אינדיע ליפערט זיי אין גרויסע קוואנטומען! וועט עס העכסטנס קאסטן פאר די שפיטעלער אביסל געלט – דאס איז נישט קיין סיבה פאר אייך זיי צו ערלויבן צו עקספערימענטירן אויף אייער הייליגע קערפער וואס באלאנגט ניטאמאל צו אייך; זאלן זיי עקספערימענטן אויף אנדערע!

## פראגע

## אויב א איד היט ח"ו נישט קיין אידישקייט, הייסט ער א איד?

## ענטפער:

**אויב** א איד היט נישט קיין אידישקייט, צי קען ער זיך רופן א איד? מיר וועלן צענעמען די שאלה אין צוויי באזונדערע נושאים. אין א געוויסן זין איז ער ערגער ווי א גוי – א כופר איז ערגער ווי א גוי. דער רמב"ם זאגט אז אן עובד עבודה זרה איז בעסער ווי א כופר. אויב אזוי איז ער גארנישט ווערד. עס קומט זיך אים אפילו נישט צו לעבן. איך רעד נישט יעצט וועגן די שאלה פון תינוק שנשבה לבין העכו"ם, ווען מען קען יענעם נישט באשולדיגן, אבער דער אמת איז אז אויב איז ער א כופר, אפילו ער איז נעבעך אן אפיקורוס, איז ער פארט אן אפיקורוס. עס מאכט נישט אויס פארוואס ער איז אן אפיקורוס. אויב א מענטש איז א קרימינאל, א מושחת, אפילו ס'איז נישט זיין שולד, ער האט קיינמאל נישט געלערנט אנדערש, איז ער דאך א קרימינאל. ער איז דאך א רשע.

פון דעסט וועגן, "ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא" – א איד וואס זינדיגט איז נאך אלץ א איד. אויב דער רשע וועט האבן א קינד פון א אידישע פרוי, איז דאס קינד א איד – ער האט א אידישע פאטער. דאס קינד קען ווערן א צדיק; ער קען ווערן א גדול, א ראש ישיבה. עס קען געשען. במילא, **טעכניש** איז ער א איד, אבער רוחניות'דיג איז ער ערגער ווי א גוי. מען דארף עס פארשטיין פון צוויי באזונדערע זייטן. ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא מיינט בלויז אינעם זין אז טעכניש איז ער א איד; אבער אויב איז ער זייער א גרויסער חוטא, פארלירט ער די רעכט אפילו צו עקזיסטירן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב